VOROBEYTSHIK (1937) [illegible] פֿון ווינטשפֿינגערל

בײַם סוף פֿון דער מגילה:

— זאָל זײַן דײַן ווילן, דאָס אונדזערע קוערס זאָלן זײַן פרידלעכע מענטשן און ניט קיין פּאַרטייִשע פאַנאַטיקער!

— אָמיין!

— זאָל זײַן דײַן ווילן, דאָס אונדזערע גווירים זאָלן צומאַכן זייער מיטפילנדיק-קרעכצנדיק מויל און זאָלן בעסער עפענען זייערע בײַטלען און קאַסעס.

— אָמיין!

— זאָל זײַן דײַן ווילן, דאָס אונדזערע שטאַדלאָנים זאָלן צערונען ווערן ווי א רויך!

— אָמיין!

— זאָל זײַן דײַן ווילן, דאָס אלע כאַלוימעס, וואָס אונדז זעלבערט אָדער אנדערע האָט געכאָלעמט, זאָל אף אונדז אלע זײַן צו גוטן!

— אָמיין!

— זאָל זײַן דײַן ווילן, פאָטער אין הימל, צו שענקען אניוועס אונדזערע קלאַל-כוערס, סייכל אונדזערע ראַטגעבערס, א ברייטע האַנט אונדזערע געלט-זעק, ראַכמאָנעס-געפיל אונדזערע „באַלעטויוועס" און גוטע זיטן אונדזערע קאַפּצאָנים! [האַלעווײַ זאָלן אונדזערע ייִדעלעך רוען אין כּרידן און אין קאָווער אף זייער אייגן ערד, שפּײַזן זיך אין נאַכעס און אָן צאַר און זאָלן ניט דאַרפן אָנקומען צו שטענדיקע געבעטן און ווינטשעוואַניעס!][1]

— אָמיין וועאָמיין!"

דער דאָזיקער סאַטירישער שלוס האָט ווינציק געפּאַסט פאַר מענדעלעס שטימונגען פון 1908, און מענדעלע האָט זיך פון אים באַלד אָפּגעזאָגט.

5

די מאַנוסקריפּטן פון דעם ערשטן בוך פון „ווינטשפינגערל" אנטהאַלטן ניט קיין איבעריקס אינטערעסאַנטע וואַריאַציעס. לאָמיר נאָר פאַרצייכענען א ציקאַווע דעטאַל. אין דעם עפּיזאָד

1 די פראַזע אין די קוואַדראַטע קלאַמערן איז אויסגעמעקט.



מיט רעב שמעלקען און זײַנע אָרכים — די „יערושאַלמים" איז אינעם העברעיִשן טעקסט אַרײַנגעפירט געוואָרן אַזאַ פראַזע:

„...און דאָס, וואָס די שטוב-זאַכן זײַנען פאַרפאַלן געוואָרן, — איז דערבײַ פאַראַן א סאָד, וואָס איז באַקאַנט מעקובאָלים, גאָט וועט דיר דערפאַר מעמאַלע זײַן".

אין ייִדישן טעקסט איז די דאָזיקע פראַזע ניטאָ און איז קיינמאָל ניט געווען. ווי מיר זעען, האָט מענדעלע, אַרבעטנדיק איבער דעם העברעיִשן וואַריאַנט, טכילעס געוואָלט פאַרבײַגייענדיק צערעכענען זיך מיט די צאַדיקים, לויט דער אַלטער מאַסקילישער געוווינהײַט. שפּעטער זאָגט ער זיך דערפון אָפּ, פאַרשלייערט די שאַרפע אָנצוהערענישן און באַגנוגנט זיך מיט אַן אירּאָנישער שילדערונג פון א כסידישער לעגענדע.

צום צווייטן בוך (פון דער יוביליי-אויסגאַבע) האָבן מיר אין די מאַנוסקריפּטן אויך ניט קיינע שום וויכטיקע וואַריאַציעס.

אינעם ערשטן קאַפּיטל פון דריטן בוך איז געווען אײַנגעשלאָסן די מײַסע מיטן „איש כאָסיד", וואָס שאָלעם-אַלייכעם האָט פאַרבראַקירט און מענדעלע האָט זי שוין מער אין זײַן „ווינטשפינגערל" קיינמאָל ניט אַרײַנגענומען. די מײַסע איז אין מאַנוסקריפּט געבראַכט נאָך די אלע אויסגערעכנטע פאַנטאַסטישע מײַסעס, וועלכע פלעגן אַזוי שטאַרק ווירקן אף הערשעלען, אַז זיי פלעגן אים אַוש אָפּרײַסן פונעם לערנען. פון אלע איבעריקע מײַסעס האָט מענדעלע נאָר אָנגעגעבן די טעמעס, אָבער אָט די מײַסע האָט ער געוואָלט געבן אינגאַנצן און דאַפקע אין פערזן.

מענדעלען האָט ביכלאַל געצויגן איבערצודיכטן פאָלקלאָר-מאָטיוון. מיטן ייִדישן פאָלקלאָר האָט זיך מענדעלע שטאַרק אינטערעסירט. עס זײַנען דאָ ידיעות, אַז נאָך אין קאַמענעץ האָט מענדעלע פאַרשריבן ייִדישע ווערטלעך אין א ספּעציעלן העפט. אין די 80-ער יאָרן און שפּעטער, ווייסן מיר אף זיכער, שטודירט מענדעלע די ייִדישע פאָלקסליד, אינעם „פריזיוו" פּרוּווט מענדעלע אַרײַנפירן א גרויסן פאָלקלאָר-מאַטעריאַל אי ווי ער שטייט און גייט, אי איבערגעדיכטעט. אין „ווינטשפינגערל" פּרוּווט ער אויך אַרײַנפירן אין א פּאָר ערטער פאָלקסלידער און איבערגעדיכטעטע פאָלקלאָר-מאָטיוון.

אינעם שמיר־עקזעמפּליאַר זײַנען פאַראַן פראַגמענטן פון דער רעליגיעז־פאָלקלאָרישער מײַסע וועגן דעם „איש כאָסיד" אין עטלעכע וואַריִאַנטן. אויסזען זעט זי אויס אַזוי:

„היינט די געוויסע באַקאַנטע מײַסע אין „איש־חסיד"[1], וואָס ייִדן זינגען עס שאַבייסענאַכטס, איז דאָך גאָר אַ דערקוויקעניש!

א כאָסיד איז געווען אמאָל,
אָן ברויט, אָן שפּײַז, געשטאַנען שמאָל,
[א ווײַב?] געהאַט האָט ער אַן אַנטיק,
אויך קינדער אַקעגן פינף שטיק.
— דו ווייסט וואָס, — זאָגט דאָס ווײַב, — איך קלער,
מע קאָן די נויט נישט לײַדן מער.
נישטאָ בא אונדז קיין ברויט אַ לעק,
אויך נאַקעט זײַנען מיר אַ שרעק.
גוט לערנען קענסטו, טאַקע פײַן,
וואָס קאָן דער טאַכלעס אָבער זײַן?
דער מאָגן מאָנט זײַנס טאַקע שטאַרק.
אָט נעם און בעסער גיי אין מאַרק.
זײַן ליבער נאָמען האָט דאָך כאַס (חס)
און קאָן אונדז העלפן דאָרט אין גאַס.

דער כאָסיד פאָלגט דעם ווײַב, טוט זיך אָן און גייט אַף גאָטס באַראָט אַרויס אין מאַרק. דאָרט קומט אים עליִאָהו האַנאָווי אַנטקעגן און מאַכט צו אים אַזוי:

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

שרײַ [אויס]: אַ קנעכט קויפט דאָ,
זײַן גלײַכן גאָר נישטאָ!

דער כאָסיד קווענקלט זיך טכילעס: ווי שיקט זיך עס, ער זאָל פאַרקויפן עליִאָהו האַנאָווי? נאָר דערנאָך אָבער האָט ער זיך מעיאַשעו געווען: אַז דו ווילסט אַזוי, זאָל זײַן אַזוי. אַ סוי־

1 איש כאָסיד.



כער קויפט אים זייער גערן פאַר 800 000 גילדערנע רענדלעך. דער סויכער פרעגט אים: „וואָס איז דײַן מעלאָכע? עפּשער ביסטו אַן אַרכיטעקטאָר, זאָג איך דיר צו, וויבאַלד דו בויסט מיר אויס אַ פּאַלאַץ, דענסטמאָל ביסטו ווידער פרײַ". דעם ערשטן טאָג האָט עליִאָהו האַנאָווי געאַרבעט מיט די פּויעלים, אַרום האַלבע נאַכט שטעלט ער זיך שרײַען צו גאָט: „ענטפער מיר, דו גרויסער מײַסטער, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט. מאַך פאַרטיק דעם דאָזיקן בינייען, דען צוליב דײַן קאָווע[ד] האָב איך מיך פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט".

מאַלאָכים קומען אָן,
מע שטעלט זיך בויען, טאָן,
די אַרבעט עקט זיך באַלד.
דער סויכער — דיק און ברייט
פאַר פרייד, וואָס אַלץ איז גרייט,
אַלצדינג איז קונציק פײַן,
ווי עס באַדאַרף צו זײַן.
— געדענק זשע היינט דײַן וואָרט,
דעם מעדובער נעכטן דאָרט
מיקויעך לאָזן פרײַ.
און יענער האַלט געטרײַ
זײַן ערלעך וואָרט אַצינד.
דער בראַווער מאַן פאַרשווינדט!

די דאָזיקע אַלע וווּנדערלעכע מײַסעס, ווי עס געשעט מיט מענטשן אין דער וועלט גרויסע ניסים, און ווי עליִאָהו האַנאָווי באַגליקט נויטבאַדערפטיקע, אָרעמינקע, נעבעך, האָבן אים (הערשעלען. — א. וו.) געטרייסט, פאַרזיסט זײַן ביטער לעבן. די אַלטגעבאַקענע מײַסע מיט רעב שמעלקען איז בא אים אַצינד אָפּגעפרישט געוואָרן, ער האָט געגלייבט אין איר הייליק און געטראַכט, אַז עליִאָהו האַנאָווי האָט אַמאָל רעב שמעלקען געהאָלפן, אים געגעבן אַ ווינטשפינגערל. קאָן דאָך מעגלעך זײַן, ער זאָל אים אויך העלפן"...

עקזעמפּליאַר, פונ דעמ ריינעמ העפט פונ 1890—1892 אונ אפילע פונעמ העברייִשנ שמיר־עקזעמפּליאַר פונ 1896. אינ די געדרוקטע טעקסטנ פעלט שוינ די לעצטע פראַזע וועגנ פאַנאַטישער „ייִדישקײַט". אפּאָ־נעמ, מענדעלע האָט שוינ מוירע צו פאַרטשעפּענ „הײליקטימער". „אפּי־קאָרסישע" געדאַנקענ וואַרפט ער ארויס אָדער ער פאַרשלייערט זיי.

צומ ערשטנ קאַפּיטל (מיר באַשרײַבנ דאָ די קאַפּיטלעכ אינ דער אָרדענונג, ווי זיי שטייענ אינ מאַנוסקריפּט) גיבנ אונדז די מאַנוסק־ריפּטנ ניט קיינ באַזונדערע נײַסנ. ס'איז אָבער קעדײַ דאָ אופמערק־זאַמ צו מאַכנ אפ א פּאָר שפּעטער דורכגעלאָזענע ווערטער. אינ רע־פּאָלס רעפּליקעס וועגנ דעמ מעהוס אונ טאָכ פונ האַנדל איז נאָכ די ווערטער „באַלוינענ אָרנטלעכ איטלעכנס מי, איטלעכנ אָפּגעבנ זײַנס" דורכגעלאָזנ: „נישט קריוודענ דעמ אונ באַרײַכערנ יענעמ".

## 7

אינ פינפטנ בוכ, אינ די קאַפּיטלעכ וועגנ לייווי באָכער (לייווי יאָלדאַק האָט ער געהייסנ אינעמ שמיר־עקזעמפּליאַר) מיט זײַנע מיטהעל־פערס אונ קאָרבאָנעס האָט מענדעלע היפּש וואַריִרט די איינצלנע דעטאַלנ.

צו דעמ אָרט פונעמ ערשטנ קאַפּיטל, ווו עס רעדט זיכ וועגנ דער באַציִונג פונ „שיינע, קאָשערע ייִדנ" צו לייוויס הײַזל, האָבנ מיר אינעמ שמיר־עקזעמפּליאַר געהאַט אזא וואַריִאַנט:

„דאָס הײַזל אליינ איז דאַפקע ניט אזוי טשאַקנדיק. עס שטייט ארײַנגערוקט א ביסל אינ דעמ הייפל אונ איז זיכ גע־בויט גאַנצ פּאָשעט, ווי אלע אנדערע הײַזלעכ אינ יענעמ געסל. נישט מער דער שטייגער-לעבנ דאָרט איז גאַנצ אנדערש. באַטאָג זײַנענ געוויינטלעכ די לאָדנ צוגעמאַכט, אפּנ היפּ שטיל, גלײַכ ווי אלע אויסגעשטאָרבנ. ערשט אקעגנ אָוונט-צײַט עפענענ זיכ די פענצטער, עס רירט זיכ אינ איטלעכס ווינקעלע, עס ווײַזנ זיכ מינע געשטאַלטנ עפּעס ווילד אָנגעטאָנענע אונ האַלב אָנגע־טאָנענע, אָנגעמאָלטע גוילעמס. עס ווימלט, ווי אינ א נעסט פונ סאָוועס, פוהאַטשנ, וואָס שטייענ אופ פאַרנאַכט צו דער אַרבעט, ארבעטנ, זוכנ פאַרנאָסע אינ דער טונקלעניש.



יאָ, טאַקע פוהאַטשנ, יענע מינע געשטאַלטנ, וואָס הייסנ בא דער וועלט „אויפּעס־טמייִמ"!

איר פאַרדרייט מיט די נעז, פײַנע, גוטע אונ פרומע מענטשנ? איר קערט פאַר צידקעס אוועק דעמ קאָפּ פונ א לייווי יאָלדאַקס הײַזל, שפּײַט קלעק אפ אזעלכע געשטאַלטנ; ס'איז א כאַרפּע, א בושע, דער נאָמענ זייערער טאָר פאַר אײַכ ניט געדאַכט ווערנ. נאָר אוי-וויי געשריגנ אפ אזעלכע ווי איר, וואָס ווייסנ נישט, פאַרשטייענ נישט, אָדער ווילנ נישט וויסנ אונ פאַרשטיינ דאָס אלצדינג, וואָס פאַר זייערע אויגנ! ווייסט זשע, איר, פײַנע, בעקאָוועדיקע לײַט, אז אזוינע, ווי לייווי יאָלדאַק, זײַנענ די ווערק פונ אײַער פאַרוויסטנ, פאַרוואָרלאָזטנ לעבנ, זײַנענ די פּרעש, די זשאַבעס פונ אײַערע שמוציקע, נישט גערייניקטע קאַליזשעס, פונ אײַכ אליינ אָנגעמאַכטע בלאָטעס. ווייסט זשע, אז יענע הײַזלעכ, אפ וועלכע איר שפּײַט קלעק, זײַנענ דאָס שפּינגעוועב, אינ וועלכע עס פּלאָנטעבנ זיכ, ווי די געפּײַניקטע פליגנ, שלאַפע, פאַרוואָגלטע, מיט שווינדל פאַרדרייטע, פאַרפיר־טע, אָפּגענאַרטע נעפאַשעס. דאָס זײַנענ אײַערע אָרעמע שוועס־טער, פונ דער נויט דערשלאָגענע, דערנידעריקטע ייִדישע טעכטער, דאָס זײַנענ די קאָרבאָנעס, וואָס גליקלעכע לאָזנ זיכ ברענגענ פונ די אומגליקלעכע, זאַטע פונ די הונגעריקע, געבאַ־לעוועטע פונ די נויטבאַדערפטיקע. ווייסט זשע עס, איר, קאָשערע מענטשנ, אונ שלאָגט זיכ „אָשאַמנו" איבער די דאָזיקע קאָרבאָ־נעס פאַר אײַערע זינד. פאַרשטעלט זיכ מער נישט די אויגנ פאַר שאַנדע קלוימערשט אונ קוקט זיכ מאַקע גוט צו, — געזונ־קענע אונ געפאַלענע פאָדערנ הילפ!"

נעמענ מיר נאָכ אינ אכט, אז א ביסל ווײַטער דערציילט מענ־דעלע, אז צו לייווי באָכער אינ הײַזל קומענ ארײַנ „לײַטישע מענטשנ [די שענסטע באַלעבאַטימ, פײַנע־בעריעס]", ווערט אונדז ערשט קלאָר די גאַנצע שאַרפקײַט פונ מענדעלעס פּראָטעסט קעגנ פּראָסטיטוציע, ווי א סאָציאַל בייז, ווי א רעזולטאַט פונ דער אומגע־רעכטער סאָציאַלער אָרדענונג.

אז מענדעלע נעמט זיכ אָבער ענדגילטיק רעדאַגירנ די דאָזיקע קאַפּיטלעכ, שוואַכט ער אָפּ די שאַרפקײַט פונ זײַנ פּראָטעסט. די

שארפע פּראזעס ברענגט ער אין אָנהייב פונעם V קאפּיטל, די
פּראזע „אזא קאָשער פאָלק, אָפּגעהיט פון זינד, ווי דאָס פאָלק ייִס־
ראָעל", איז אין מאנוסקריפּט ניטאָ.
אפּ אלע איבעריקע ענדערונגען, וואָס מענדעלע האָט מיט דער
צײַט אַרײַנגעטראָגן אין פינפטן און אינעם זעקסטן בוך (די צאָל
זייערע איז גאנץ גרויס), וועלן מיר זיך דאָ ניט אָפּשטעלן.
דעם זעקסטן בוך (אין מאנוסקריפּט גייט ער אַרײַן אין דריטן
טייל) האָט מענדעלע פארענדיקט אין מאנוסקריפּט מיט פאָלגנדיקע
ווערטער הערשעלעס:
„ערשט הײַנט שפּעטער מיט דער צײַט, אז איך האָב רעכט
שוין פארשטאנען דעם פּײַרעש דערפון אינגאנצן און געזען,
געהערט פיל מײַסעס אזוינע מיט נאָך און נאָך אנדערע, נעבעך,
בא אונדז, — איז מיר צו די אַלטע ווייטיקן צוגעקומען נאָך א
גרויס ווייטעק מיט א פארדראָס אינײנעם: אײַ, ריבוינעשעלוי־
לעם, קוק, צו וואָס מענטשן קאָנען קומען, איינער דעם אנדערן
ווי בעהיימעס צו פארקויפן!
אײַ, ריבוינעשעלוילעם, ווי טיף דײַן הייליק פאָלק ייִסראָעל
איז געזונקען!.."

## 8

פון די מאנוסקריפּטן צום IV טייל (זיבעטער און אכטער בוך
פון דער יובילײ־אויסגאבע) האָבן מיר: 1) איין בלעטל — א שמיר־
עקזעמפּליאר פון א פאָר קאפּיטלעך אין ייִדיש און 2) שמיר־עקזעמ־
פּליארן פון א גאנצער רײ קאפּיטלעך אין העברעיִש.
דער אָנהייב פונעם ייִדישן טעקסט פונעם שמיר־עקזעמפּליאר איז
העכסט אינטערעסאנט:
„און שמוליק, וואָס איז פאר גרויסע צאָרעס אנידערגעפאלן
דענסטמאָל אין דער מיט וועג, אז דער וואָגן מיט די כאפּערס
און מרישעלעך זײַנען פארשוווּנדן געוואָרן, וואָס איז דער סאָף
מיט אים געווען? עס־גייט דאָ, פארשטייט איר, נישט אזוי
אין שמוליקן, — נאט אײַך א גראָשן פאר דעם גאנצן שמוליקן,
עפּעס א שמאטניק, א מענטשל, מישטיינסגעזאָגט, — ווי אין דער

omitted entirely



מײַסע אליין. גלאט די מײַסע פאר זיך איז זיך שיין, מעכע־
טייסע, קעדײַ טאקע צו ווּיסן — פאָרט וואָס, הא? ער איז גע־
בליבן [אין] כאלאָשעס אָדער עפּשער גאָר טויט? כאָלילע!
כאלאָשעס, דאָס איז פאר נעגידים, איידעלע, אָפּגעפּײַנטע לײַט,
וואָס וויבאלד די מינדסטע קליינינקײַט, עפּעס נאָר נישט אזוי,
ווערן זיי אויס מענטשן, אָן א נעשאָמע, כאָטש נעם און באַ־
גראָב זיי. אָבער ווי קומט אזעלכעס צו קאפּצאָנים? קאפּצנ־
פליייש איז גאָר עפּעס אנדערש, קאפּצנ־פליייש נעמט נישט קיין
קויל, קיין קעלט, קיין הונגער און אלע אנדערע מינע פּורא־
ניעס. אפּ דערויף זײַנען זיי דאָך קאפּצאָנים, אז זיי זאָלן אין
דער וועלט אויסשטיין יעסורים און נישט כאלעשן, נישט פּלאצן
פאר צאָרעס".
דעם ווײַטערדיקן קאפּיטל (שוין נאָך מוישעלעס באפרײַונג) הייבט
מענדעלע אָן אזוי:

Watered down

„לאָז דעם אוילעם די מײַסע מיט שמוּליקן דעם טאנדעט־
ניק דינען צווישן הונדערטער אנדערע באווײַזן נאָך פאר א
שטארקן באווײַז, אז א ייִד טאָר נישט זינדיקן, מוז אמאָל פאר
ליב אָננעמען א פּאטש אויך, כאָטש עס טוט וויי, אין דעם בי־
טאָכן, מיסטאמע איז עס א פּאטש פון זײַן ליבן נאָמען, קעדיי
דורכדעם זאָל אים ארויסקומען עפּעס א טויווע. דעם ייִדן איז
שוין, אפּאָנעם, באשערט אזוי, אָן יעסורים, בויכווייטעק גאָרנישט
צו באקומען אין דער וועלט. דאָס שטיקעלע מאזל זײַנס ליגט
פארבאָרגן אין א הארטער שאָלעכץ, ווי א יאָדער פון א נוס,
וואָס ס'איז נישט צוצוקומען דערצו, סײַדן מיט גאָטס הילף
אויסברעכנדיק זיך פריִער די ציין. [אָט דער דאָזיקער קלוגער
מוסער, וואָס אקעגן קלאל־ייִסראָעל, ווײַזט זיך ארויס באשײַמ־
פערלעך פון דער מײַסע דאָ מיט שמוליקן.]"[1]
אין דער ענדגילטיקער רעדאקציע איז די ערשטע טיראדע אינגאנצן
ארויסגעפאלן און די לעצטע איז אַרײַן אין א שפּעטערדיקן קאפּיטל (V),
שוין א ביסל אָפּגעשוואכטערהייט.
דער IV קאפּיטל האָט זיך אין מאנוסקריפּט געהאט אָנגעהויבן אזוי:

1 די ווערטער אין די קלאמערן זײַנען אויסגעמעקט.

„געלט איז איינער פון די באוועגער פון דער ראָד פון דער ייִדי־
שער געשיכטע..." באַלד פאַרמעקט עס מענדעלע און שרײַבט אַזוי:
„פּרנסה איז די וויכטיקסטע פון אַלע סיבות, וואָס באַוועגן די ראָד
פון דער ייִדישער געשיכטע פון די עלטסטע צײַטן (ממצרים) און ביז
הײַנטיקן טאָג. שטענדיק האָבן די רײַכע געוועלטיקט אין זייערע גע־
מיינדעס און געהערשט איבער זייער גײַסט אַזוי, אַז רײַכקײַט און
הערשאַפט זײַנען געוואָרן סינאָנימען"...

אָבער די דאָזיקע פאָרמולירונג שטעלט אים אויך ניט צופרידן.
מענדעלע פאַרבראַקירט אַ רײַ וואַריאַנטן וועגן דער פאַרהעלטע־
ניש צווישן בראַנפן-אַקציז און האַסקאָלע און שטעלט זיך סאָפּקאָלסאָף
אָפּ אויף אַ האַלב-סאַטירישער שילדערונג פון די דערשײַנונגען, קאָנסטאַ־
טירנדיק פאַקטן און אָפּקומענדיק מיט אַ וויץ בײַ זייער דער־
קלערונג.

„יענער דאָר, אין שמוליקס צײַט, איז געווען אַ דאָר פון
אַקציזניקעס און פון כאַקראָנים (דור של חכרנים ושל חקרנים).
און גאָט-באָרוך-הו האָט געזען, ווי זײַנע ייִדעלעך האָבן
שטאַרק קיין כיישעק ניט געהאַט אָנצונעמען די „האַסקאָלע", וואָס
יענע לײַט פון די אונדזעריקע און ניט פון די אונדזעריקע האָבן
מיט איר געוואָלט מעזאַקע זײַן די ייִדן, ווי מיט אַ רעפוּע צו
אַלע זייערע מאַקעס, ווי זיי אַקשענען זיך און שרײַען: „שקאָ־
לעס ניע זשעלאַיעם!", — האָט ער גענומען און געגעבן זיי מאָ־
נאָפּאָלן פונעם בראַנפן-אַקציז אין דעם לאַנד, און דורכדעם האָבן
זיי צוביסלעך דערנעענטערט זיך צו בילדונג און כקירע. די
מענטשן פון יענעם דאָר האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, וואָס פאַר אַ
שײַכעס בילדונג האָט צום אַקציז (מה ענין חקירה אצל חכירה)
און האָבן זייער גוט געפילט די ווירקונג פונעם בראַנפן-פאַכט אויפן
פּריוואַטן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַז דאָס אַלץ איז געוואָרן
געשיכטע און איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון די היסטאָרי־
קער, זײַנען געקומען די פאָרשער, די דאַרשאָנים אויפן געביט פון
מענטשלעכער געשיכטע, און האָבן גענומען זיך דערקלערן דעם
דאָזיקן צוזאַמענהאַנג אויף הונדערטערליי וווּנדערלעכע אויפאַנים,
דורך פּילפּל און סוואָרעס און אין אַ ווילדן, פאַרדרייטן סטיל,



ווי זייער שטייגער איז. זייערע רייד זײַנען צוגעגלעך נאָר פאַר
אַזעלכע כאַכאָמים, ווי זיי אַליין זײַנען, און פאַר פּאָשעטע מענטשן
וועלן מיר דאָ דערקלערן די זאַך פּראָסט און איינפאַך לויט הער־
שעלעס קסאָווים".

אינעם העברעייִשן שמיר־עקזעמפּליאַר געפינען מיר אַ ביז גאָר
אינטערעסאַנטע שטעל, וואָס איז העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַר מענ־
דעלעס געזעלשאַפטלעכע אָנשויונגען פון יענער צײַט:

„בעשאַס הערשעלע האָט אָנגעשריבן די דאָזיקע ווערטער
(וועגן די אַקציזניקעס און מאַסקילים. — א. וו.), האָט ער נישט
געקאָנט וויסן, אַז אין אַ קורצער צײַט אַרום וועלן זיך אײַנ־
געפינען נײַע מאָנאָפּאָליסטן, וואָס וועלן נעמען ייִדישקײַט אין
דער אַרענדע, וועלן דערויף אַוועקשטעלן אַ ספּעציעלן שטעמפּל
סײַ די, וואָס קענען די טוירע, און סײַ די, וואָס קענען
זי ניט, סײַ די, וואָס זײַנען זי מעקאַיעם, סײַ די, וואָס זײַנען זי
ניט מעקאַיעם. דער נאָמען ייִד האָט שוין קיין שום ווערט ניט,
סײַדן מע גיט צו דעם נאָמען „לאומי" — נאַציאָנאַליסט; און פיל
פון די גאָלעס־ייִדן, וואָס טרויערן נאָך ירושלאַיִם (געווען
פריִער „ציִען" און שפּעטער אויסגעמעקט. — א. וו.), וואָס עסן ערעוו־
טישעבאָוו אייער מיט אַש, קאָשערע ייִדן מיט ייִדישע נעז און
אַלע רמ"ח איוורים, ייִדן, וואָס לערנען טוירע און טוען מיצ־
וועס, וועלן מיט געוואַלט אויסגעשלאָסן ווערן פונעם ייִדישן
פאָלק נאָר דערפאַר, ווײַל זיי זײַנען סתם ייִדן און כקירענען
ניט וועגן נאַציאָנאַליזם און וועגן דער מעשונע־ווילדער פראַגע,
צי זײַנען ייִדן אַ פאָלק אָדער נאָר אַ רעליגיעזע געמיינשאַפט.
אַלקאָלפּאָנעם, וועט זייער ייִדישקײַט דערפאַר געשטעלט ווערן
אונטער אַ סאָפעק, און די פראַגע וועט בלײַבן הענגען אינדער־
לופטן, ביז די העברעייִשע צײַטונגען וועלן ניט פאַרענטפערן די
קאַשעס און אַבײַעס אין דער דאָזיקער האַרבער סוגיע. הערשע־
לע האָט ניט געוווּסט, אַז די דאָזיקע מאָנאָפּאָליסטן, פאַכ־
לערנטע פון ייִדישקײַט וועלן אַוועקמאַכן מיט דער האַנט די גע־
לערנטע פון דער אַלטער שולע, וואָס האָבן שטודירט, געפינענ־
דיק זיך אין דער קלעם פון נויט, און האָבן דערצויגן זייער

פיל טאַלמידימ, וועלנ אָנפאַלנ אַפ זקיינימ אונ אָנגעזעענע שרײַבערס, ווײַל זיי האָבנ נישט געהאַט צו טאָנ מיט דער אײ, וואָס איז ערשט איצט נוילעד געוואָרנ...״

דאָ האָט מענדעלע קימאַט בוכשטעבלעכ איבערגעכאַזערט זײַנע אַנטיציוניסטישע טעזיסנ פונ די 80־ער יאָרנ, די טעזיסנ אינ אַרטיקלענ, וועלכע ער האָט ניט געהאַט ווו צו דרוקנ.

דער IV טייל האָט זיכ אָבער צומ ערשטנ מאָל געדרוקט אינעמ „השלח״, אונ מענדעלע האָט געמוזט אָפּאָגנ זיכ פונ אָפענע אַנטיציוניסטישע אַרויסטרעטונגענ אונ אָנקומענ צו קאַפּוליער אָנצוהערענישנ.

אינ מענדעלעס מאַנוסקריפּטנ געפינענ מיר א ציקאַווע פאָרמולירונג פאַר מענדעלעס דעמלטיקער שטעלונג צו דער האַסקאָלע. מיט הערשעלעס מויל האָט מענדעלע דאָ אָפנ דערקלערט, אַז די געשיכטע פונ די אַקציזניקעס־מאַסקילימ איז אַפילע א בײַזאַכ אינ זײַנ געשיכטע, אָבער זייער אַנ אָנגעלייגטע בײַזאַכ: „איכ בינ זייער טאַלמיד אונ טרינק פונ זייער קוואַל אונ נעמ אָנ זייערע רייד, כאָטש זיי זײַנענ אומגעוויינלעכ אונ אומפאַרשטענדלעכ. איכ וואָרנ אָבער, אַז איכ האַלט ניט פאַר קיינ כעט ניט מאַסקימ צו זײַנ מיט די מאַסקילימ פונ דעמ פאַריקנ דאָר״.

א. וואָראָבייטשיק

## וועגנ דעמ טעקסט פונ אונדזער אויסגאַבע

אַלס גרונט־טעקסט פאַר אונדזער איצטיקער אויסגאַבע איז גענומענ געוואָרנ דער טעקסט פונעמ „ווינטשפינגערל״, ווי ער איז געדרוקט געוואָרנ אינ דער „יובילײ־אויסגאַבע״. מיר האָבנ אימ אָבער פאַרגליכנ מיט אַלע פריערדיקע פּובליקאַציעס פונ די באַזונדערע טיילנ פונעמ ווערק, אונ דאָס האָט אונדז געגעבנ די מעגלעכקײַט צו פאַריכטנ א ריי באַזונדערע דרוק־פעלערנ אונ צומאָל אַפילע אויפצושטעלנ גאַנצע זאַצנ, וואָס זײַנענ צעפלאָנטערט געוואָרנ באַמ דרוקנ די יובילײ־אויסגאַבע. ס'איז דאָכ באַקאַנט, ווי נאַכלעסיק עס איז אויסגעשטאַט די דאָזיקע „יובילײ־אויסגאַבע״.

מיר האָבנ אויכ אַראָפּגענומענ פונעמ צווייטנ טייל „ווינטשפינגערל״ דעמ נאָמענ „בעמק הבכא״, וואָס עס האָבנ אַרײַנגעבראַכט די פאַרלעגער פונ דער יובילײ־אויסגאַבע. אינ העברייִש הייסט אַזוי דאָס גאַנצע ווערק. אַוועקשטעלנדיק אָט דעמ נאָמענ פאַרנ צווייטנ טייל, האָבנ די פאַרלעגער פונ דער יובילײ־אויסגאַבע געהאַט דערבײַ א ריינ־געשעפטלעכנ מאָטיוו: שאַפנ באַמ לייענער אַנ אײַנדרוק, אַז ער האָט צו טאָנ מיט גאָר א נײַעמ ווערק. אַפ דעמ האָט אינ זײַנ צײַט אָנגעוויזנ א. ירחי (י. כ. ראַווניצקי) אינ זײַנ אַרטיקל וועגנ דער יובילײ־אויסגאַבע פונ מענדעלעס ווערק אינעמ ווילנער יאָרבוכ „דער פּינקעס״ פונ יאָר 1912.

אינ די פוסנאָטנ בא די אַנטשפּרעכיקע שטעלנ פונעמ טעקסט וועט דער לייענער געפינענ די מער באַדײַטנדיקע טעקסט־וואַריאַציעס, וואָס